LIVING TORAH

# פרשת בהר

## יום א׳, כ״ח אייר ה׳תשמ״ח – לנשי ובנות חב״ד

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בשעת אידן זיינען דאך דעמולט געווען אין מדבר, און משה רבינו האט אים אנגעזאגט דער אויבערשטער ווי אזוי ער זאל זיי צוגרייטן זיי זאלן וויסן ווי אויפצופירן זיך אז מ׳וועט אריינקומען אין ארץ ישראל -

ווערט דערציילט אז דער אויבערשטער האט געזאגט משה׳ן, ער זאל איבערגעבן אידן: ״כי תבואו אל הארץ״ איז ״ושבתה הארץ שבת להוי׳״.

וואס דער אפטייטש דערפון איז, אז בשעת איר וועט אריינגיין אין ארץ הקודש, אין אייער לאנד, און ווי ער זאגט דערנאך וואס דער אויבערשטער האט דאס צוגעזאגט מיט א זיכערקייט אז ער וועט דאס אפגעבן אידן, אט דעמולט איז וואס דארף מען דעמולט טאן? - ״ושבת הארץ שבת להוי׳״, דארף די ערד, די ״לאנד״, אפרוען און ממלא זיין (ערפילן) די מצוה פון שמיטה,

און וויסן אז דאס איז מען מקיים ״שבת להוי׳״ - דאס איז א שמיטה וואס מ׳מאכט דורך דעם אויך הייליקער די ערד - מ׳פארבינדט איר, אויך בגלוי (אפענער-הייט) מיט מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס א מצוה.

פרעגט מען די פראגע:

דער דין איז, אז שמיטה, ״ושבת הארץ״, איז דאס דוקא דעם זיבעטן יאר, דאס הייסט אז ס׳דארף פריער דורכגיין זעקס יאר וואס דעמולט באארבעט מען די פעלדער און די גערטנער, און ערשט דערנאך איז ״ושבתה הארץ״ - פראוועט מען שמיטה -

און דא זאגט דער פסוק, אז מ׳האט אנגעזאגט משה רבינו, אז בשעת ער וועט צוגרייטן אידן אריינגיין אין ארץ ישראל, איז מיט וואס זאל ער אנהויבן? - מיט דער מצוה פון שמיטה, וואס מ׳וועט דאס ערשט מקיים-זיין בשעת ס׳וועט דורכגיין מערערע יארן נאכן אריינגיין אין ארץ ישראל!

האט ער דאך זיי געדארפט צוגרייטן אויף זאכן וואס מ׳וועט דארפן וויסן גלייך אריינגייענדיק דעם ערשטן טאג, און ערשט דערנאך דערציילן וואס מ׳וועט דארפן טאן אין פילע יארן (אין מערערע יארן) נאך דערויף!

וואס (דער ענטפער) איינער פון די ענטפערס אויף דערויף, איז בשעת מ׳קוקט זיך-צו צו אן אויפפירונג פון אן אמת׳ער בעה״ב׳טע, אפילו בא ניט-אידן, עאכו״כ (זיכער אזוי) ביי א אידישע בעה״ב׳טע,

אז בשעת זי גייט אריין, ״תבואו אל הארץ״, זי ״גייט אריין״ און גרינדעט און איז מייסד (בויט-אויף) איר פערזענלעכע ״לאנד״, וואס דאס איז איר פערזענלעכע הויז און איר פערזענלעכע משפחה (- דארף זי דאך)



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהר

און דאס איז דאך פארבונדן מיט האבן א הויז, מיט א בעה"ב'שקייט, און ווי דערמאנט פריער מיט כלים און מעבל וכו', כדי דאס זאל זיין א ריכטיקע הויז און א ליכטיקע הויז און א לעבעדיקע הויז -

איז אט דעמולט זעט מען, אז א ריכטיקע בעה"ב'טע, בשעת זי שטעלט-איין די הויז - שטעלט זי זי איין גלייך פון אנהויבס-אן ניט נאר אז די הויז זאל קענען יוצא-זיין אין א וואכעדיקן צושטאנד, וואו ס'איז גענוג אז מ'האט מערניט ווי די זאכן וואס זיי זיינען מוכרח און מ'קען אן זיי ניט אנקומען,

נאר א ריכטיקע בעה"ב'טע בויט איר הויז בגשמיות, אפילו אין גשמיות'דיקע זאכן, אין אזא אופן - אז דאס זאל זיין א הויז א פריילעכע, אין וועלכע מ'וועט פראווען שבתים מיט דער גאנצער פריילעכקייט און לעבעדיקייט און ברייטקייט פון א שבת,

עאכו"כ "מקראי קודש" - פראווען דארט ימים טובים, וואס זיי ווערן אנגערופן אז דאס איז מען'ן און "מ'רופט ארײַן" דעם שבת וואס דורך דערויף ווערט דאס א יו"ט,

און זיכער אז דער מאן שטעלט איר צו די אלע געלט וואס מ'דארף אויף דערויף האבן - אז מ'זאל דאס טאן אין א גרייסער מאס און אין א ברייטער מאס, ווי א איד דארף זיך גרייטן צו יו"ט און צו שבת - אז עס זאל זיין אין אן אופן פון א ברייטן אופן און א פריילעכן אופן און א געשמאקן אופן, ו"לא תחסר כל בה" - עס זאל קיין זאך ניט פעלן ח"ו,

און אדרבא - מ'זאט נאך קענען איינלאדן, און ווי ס'פירט זיך מנהג ישראל, איינלאדן אורחים - אין צוגאב צו די אייגענע מיטגלידער פון דער משפחה, איז ווי ס'פירט זיך בא אידן, איז א אמת'ע שמחת יו"ט - ווען מ'האט אן אורח צו יו"ט, עד"ז אויך בנוגע צו שבת,

אט דעמולט בענטשט דער אויבערשטער און איז מבטיח אז "כי תבואו אל הארץ": בשעת יעדער אידישע פרוי גייט אריין אין איר אייגענער הויז, אין איר אייגענעם פאמיליע-לעבן, האט זי גלייך די אלע ברכות פון דעם אויבערשטן, אז ס'זאל זיין "ושבתה הארץ" - זי זאל זיין גלייך פון דעם ערשטן טאג צוגעגרייט אויף קענען פראווען דארט שבתים און ימים טובים, און איינלאדן אויך אורחים,

און די אלע זאכן זאלן איר ניט נאר ניט ענג-מאכן, נאר אדרבא, פארקערט -דאס זאל נאך מאכן נאך ברייטער און נאך פריילעכער דעם אייגענעם שבת און דעם אייגענעם יו"ט - וויבאלד אז מ'האט אורחים.

און דערנאך ווערט דאס אויך א לייכטענדער ביישפיל פאר אלע אידישע פרויען און אידישע מיידעלעך ארום זיך, וואס מאיזו סיבה שתהי' האבן זיי ניט געהאט אט דעם גליק (פון בא) און דעם אמת'ן חיות, אידישקייט, דורך באקומען די אמת'ע אידישע ערציאונג -

אז אויך דאס זאל זיין א לייכטענדער ביישפיל אז זיי זאלן אויך אזוי טאן.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.